סוכנות לקטעי עתונות
רחוב הרברט סמואל 4
ת.ד. 724. טלפון 234252
ירושלים

9 - מרץ 1979

לעצטע נייעס
(תל אביב)

שמעון פרס / לוי אשכול — א ייד א חכם

(3)

אשכול האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט דעם דאָזיקן ענטפער. ער האָט געוואָלט וויסן ווער עס וועט באַשליסן און ווי אַזוי מען וועט באַשליסן אין פאַל ווען פון דער געווער־טראַנזאַקציע מיט דייטשלאַנד וועט גאָרנישט ווערן.

דערויף האָט דזשאָנסאָן באַמערקט, אַז דער קאַנצלער פון מערב־דייטשלאַנד, ערהאַרד, וועט אין א וואָך אַרום קומען קיין אַמעריקע און דעריבער פאַרגעשלאָגן, איך זאָל בלייבן נאָך א וואָך. אין פאַרלויף פון דער צייט וועט קלאָר ווערן דער גאַנצער ענין. אשכול האָט צו דעם צוגעשטימט.

איך בין דעריבער געבליבן א וואָך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַלס גאַסט פון דער רעגירונג, ווי א „הויכגעשעצטע פיגור פון נעפאַל" די פאַרוואַלטער פונעם האָטעל האָבן מיך גלייך דערהויבן אין מיין חשיבות. און ווי אַן אויסדרוק פון כבוד פאַר דער דאָזיקער „הויכגעשעצטער פערזענלעכקייט", האָט מען אַרויפגעצויגן די נעפאַלער פאָן אויפן מאַסט פונעם האָטעל.

אין א צייט אַרום זענען די טאַנקען ...ויסגענומען געוואָרן פון דייטשלאַנד אויפן וועג קיין ישראל. בעת מען האָט זיי געפירט קיין רוים, האָבן זיי געדאַרפט דורכפאָרן אַן אַלטן טויער. א טורעם פון איינעם פון די טאַנקען האָט זיך פאַרטשעפּעט אינעם בויגן פונעם טויער. מען האָט געזוכט א וועג ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דעם טאַנק פון דאָרטן, און דעם, אַז דער טויער זאָל באַשעדיקט ווערן. אין צווישן איז דער פאַרקער אין יענער געגנט אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף לאַנגע שעהן. זשורנאַליסטן האָבן אויסגעפאָרשט און אויפגעדעקט דעם מאָטיוו פון דער דאָזיקער פאַרקער־„פאַרשטאָפּונג" און פון דער גאַנצער געהיימניס אַרום דעם ענין, איז גאָרנישט געוואָרן. דייטשלאַנד האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון צושטעלן טאַנקען, און אַמעריקע האָט אונדז די טאַנקען צוגעשיקט.

דערנאָך זענען אָנגעקומען קיין ישראל אווירל האַרמאַן און באָב קאָמאַר, וויצע־ראַטגעבער פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט פאַר זיכערהייטס־ענינים. מיר זענען מיט זיי געזעסן גאַנצע טעג און נעכט ביז מיר האָבן פון זיי אַרויסבאַקומען א פאַרזיכערונג, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן אונדז אויך צושטעלן עראָפּלאַנען.

אשכול האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען צו באַקומען די איינריכטונגען צו אַנטזאַלצן ים־וואַסער. בעת די געשפּרעכן מיט דער קאָמיסיע פאַר אַטאָמישער ענערגיע, האָט ישראל אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן דער אַטאָמישער קאָנטראָל וועט באַשרענקט בלויז אויפן קליינעם עקספּערימענטאַלן רעאַקטאָר אין נבי־רובין.

אשכול, דער פשרה־מענטש, איז נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן, און די רעזולטאַטן פון זיין באַזוך האָבן טאַקע באַרעכטיקט זיין עקשנותדיקע האַלטונג.

פּרעזידענט דזשאָנסאָן האָט פאַר אונדז איינגעאָרדנט א וווּנדערלעכן אָונט. נאָך דעם נאַכטמאָל האָט מען זיך גענומען צום טאַנצן. דזשאָנסאָן האָט איינגעלאַדן די פרוי מרים אשכול צום ערשטן וואַלס. האַרמאַן איז צוגעגאַנגען צו אשכולן און געזאָגט: לוי, דאַרפסט איינלאַדן די פרוי בירד דזשאָנסאָן. אשכול האָט אויף אים געוואָרפן א בליק פון א שטיפעריש יינגל און אין א זאַפטיקן יידיש געזאָגט: „מיין טייערער אַמבאַסאַדאָר, איך טאַנץ נישט". דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט די ווערטער: „יונגער מאַן, טו מיר א טובה, איר האַלט דאָך אין איין טענהן, אַז מען דאַרף געבן א געלעגנהייט דעם יונגן דור". מיר האָבן אַלע אויסגעשאָסן אין א געלעכטער און דאָס האָט אונדז באַפרייט פון דער שפּאַנונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע טעג.

א צווייטער באַזוך איז צושטאַנד געקומען אין 1965, ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים רעאַליזירן א געוויסן פּלאַן.

איך האָב געבראַכט פאַר אשכולן דעם פּלאַן און אויך — דעם בודזשעט. אשכול האָט געגעבן א קוק אויפן בריגן פּאַפּיר וואָס איך האָב אים צוגעשטעלט, און עס איז אים געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן: „פופציק מיליאָן! אַזוי פיל געלט! האָסט אַמאָל איבערגעציילט א מיליאָן? און 50 מיליאָן, איז דאָך 50 מאָל אַזוי פיל! צו וואָס דאַרף מען אויסגעבן אַזוי פיל געלט?" איך האָב אים פאַרגעשלאָגן, ער זאָל מיט מיר צוזיין און פערזענלעך אָנקוקן דעם ענין, כדי ער זאָל באַאיינדרוקט ווערן פון דער אויסשטאַטונג און די איינריכטונגען זיינע. ער איז באַגייסטערט געוואָרן אשכול, וועלכער האָט מקפיד געווען אויף גראָשנס, ווי אויף מיליאָנען, איז מיטגעריסן געוואָרן פאַרן געדאַנק פון שאַפן גרויסע ווערק. און אַזוי ווי איך האָב וועגן דעם געוווּסט, האָב איך נישט גענומען ערנסט זיין ערשטן אָפּזאָג.

מיר זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט פריינט אין איטאַליע און מיר האָבן דערליידיקט, אַז מיר וועלן פליען מיט אונדזערס אַן עראָפּלאַן קיין נאַפּאָלי, און פון דאָרטן קיין סאַרדיניע. איך האָב געבעטן ביי אונדזער מיליטערישן אַטאַשע ראובן כרי, ער זאָל זאָרגן וועגן א פּלאַץ, ווו אשכול זאָל קענען איינשטיין. דער פּלאַץ האָט נישט געדאַרפט זיין קיין האָטעל און האָט אויך נישט געדאַרפט ציען די אויפמערקזאַמקייט ביי קיינעם. נישט ווייט פון נאַפּאָלי האָט כרי געפונען אַן אַלטן שלאָס, אין וועלכן עס האָבן מיט א סך יאָרן צוריק געוווינט די אָפּשטאַמיקע פון דער באַרבאַנער דינאַסטיע.

אויסערלעך, האָט דער שלאָס אויסגעזען ווי א וווּנדער. אינעווייניק — איז אַלץ געווען צעבראָכן. די טירן האָבן זיך נישט פאַרמאַכט. דאָס וואַסער פון די קראַנען איז געווען פול מיט זשאַווער. די שטולן האָבן זיך צעגומען. עס איז געווען ווינטער־צייט און פון אַלע ווינקלען האָט געבלאָזן א מוראדיקע קעלט. אשכול אָבער האָט זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט. פונקט פאַרקערט. ער איז געווען אויפגעמונטערט, אין א גוטער שטימונג און אַפילו זיך געוויצלט. איך זע, אַז איר ווילט איינשפּאָרן געלט — האָט ער געזאָגט. דאָס באַפרייען זיך אויף א פּאָר טעג פון זיינע אָפיציעלע פונקציעס איז געווען, ווי דאָס באַפרייען זיך פון יאָרן. אשכול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שטיפעריש יינגל.

מיר האָבן געדונגען א וואָגן. עזר ווייצמאַן, דער קאָמאַנדיר פונעם לופט־פלאָט, האָט זיך אויעקגעזעצט נעבן דעם בעל עגלה, גענומען די לייצעס און דעם בייטש אין די הענט, און מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ איבער די געשלענגלטע גאַסן פון נאַפּאָלי. אשכול האָט אויסגעזען צו זיין גליקלעך. נאָכמיטאָג האָבן אונדזערע איטאַליענישע גאַסטגעבער אונדז איינגעלאַדן אויף אַן אויספלוג איבער קאַפּרי. צו דער איבעראַשונג פון די איטאַליענער, האָט אשכול זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל פאָרן מיט דעם דראַט־וואָגן, וואָס פירט צום שפּיץ־באַרג. גאָר שנעל זענען מיר אַלע פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין לעבנסלוסט. און די גאַנצע גרופּע, די ישראלים און די איטאַליענער, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א חברה פון שטיפערישע יינגלעך.

אויף צו מאָרגנס, זענען מיר אָפּגעפלויגן קיין סאַרדיניע... פון אויבן האָבן מיר געזען די רויטע דעכער פון די ווילעס. וואָס אַגאַ־כאַן האָט אויפגעבויט ביים ברעג ים. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן עראָדראָם, נאָענט פון דער עקספּערימענטן־באַזע, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט אַנטענעס, אויסטערלישע איינריכטונגען, קלאָרע בנינים, קלויסטערס מיט זייערע קופּאָלן. אינערהאַלב די בנינים זענען געווען איינגעריכט קאָמפּיוטערס און עס האָבן זיך דאָרט געפונען מענטשן, אָנגעטאָן אין ווייסע כאַלאַטן, ווי אין א לאַבאָראַטאָריע.

(המשך אין קומענדיקן פרייטיק)